מעטאַלענע האַרץ פון מיקראָפאָן האָט געפּלאַצט בעת פּאָלעמיק צווישן שרייבער וועגן „ייוואָ“

מיט עטליכע חדשים צוריק איז ביי אַ סימפּאָזיום פון אידישן פּען קלוב אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַ שאַרפע דיסקוסיע אַרום דער ראָלע וואָס דער אידישער וויסנשאַפטלי־כער אינסטיטוט (ייוואָ) שפּילט אין איצטיקן אידישן לעבן. ביים סימפּאָזיום זענען געווען אָנוועזנד אידישע קולטור טוער, דיכטער, שרייבער, וויסנשאַפטלער. דער דאָזיקער סימפּאָזיום איז פאַרשוויגן געוואָרן און אין דער אידישער און ענגלישער פּרעסע איז וועגן דעם גאָרנישט דערשינען. דער „אַלגעמיינער זשורנאַל“ האָט וועלנדיק אַז עטליכע ווענדונגען פון אידישע קולטור מענטשן וואָס פרעגן ווי קומט עס אַז וועגן דער פּאָלעמיק איז גאָרנישט געווען געדרוקט. דאָ פאַרעפנטליכן מיר אַ באַריכט פון יוסף גענערמאַן, וועלכער איז געווען אָנוועזנד בעת דער שאַר־פער דיסקוסיע.

פון יוסף גענערמאַן

•

„די איצטיגע פירערשאַפט פון ייוואָ האָט גאָרנישט צו טאָן מיט׳ן אידישען לעבן. די ייוואָ זיל וואָס שנעלער פּטור ווערן פון לעבעדיקער אידישיט“. די דאָזיגע באַשולדיגונג האָט געמאַכט דער אידישער זשורנאַליסט ש. ל. שניידערמאַן, וועלכער שרייבט אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“ און דרוקט זיך אויך אין אַ צאָל אַנדערע צייטונגען.

„דער „ייוואָ“ איז געגרינדעט געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק“ — האָט ווייטער געזאָגט שניידערמאַן. „יענע „ייוואָ“ איז געווען פּלבלוטיק, לעבעדיג נאָענט מיט אידיש און אידישע שרייבער. די איצטיגע „ייוואָ“ לאָזט ניט צו קיין אידישע שרייבער. אין „ייוואָ“ ווירקען מענטשן ווייער ווייטער פון אידישער ליטעראַטור“ — זאָגט שניידערמאַן. „די יוגענט האָט זיך אָפּגעריסן פון אונז“ — האָט געקלאָגט שמשון אַפּטער, אַ דיכטער און עסעאיסט. „איך וויל ניט אַגרייפן דעם „ייוואָ“. מען שטודירט דאָרטן ליטעראַטור. דאָס טוען דאָס רוב יונגע מענטשן. וואָס האָבן די ליטעראַטור אַרויסגעשלעפּט פון דער שוסטער־גאַס. אוודאי קענען און זיינען פאָרשער אַנדערש ווי שרייבער. פאָרשער קענען פאָרשן וואָס זיי האַלטן פאַר נויטיג, זיי קענען אויך פאָרשן פריערדיגע פאָרשונגען, אָבער מיר שרייבער קענען ניט בלייבן גלייכגילטיג“, האָט אַפּטער דערקלערט.

ש. אַפּטער רעדט וועגן יונגען ליטעראַרישן פאָרשער דוד ראָסקיס, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון „יוגנטרוף“. איך זיין שוועסטער רות ווייס איז אַ ליטעראַטור־פאָרשערין. דוד ראָסקיס איז באַאיינפלוסט און אָנערקענט בלויז 3 ליטעראַטור־פאָרשער, אַלע דריי פון ירושלים׳ער אוניווערזיטעט. די דריי זיינען: דן מיראָן, חנא שמערוק און דוב סדן. אַלע דריי פאָרטרעטען די ריכטונג, וואָס לייקענט־אָפּ אידיש. סיי פרץ, סיי מענדעלע, האָבן, לויט זייער מיינונג, צופעליג געשריבן אין אידיש, און זיינען אַרויסגעוואַקסן פון העברעאיש.

„דוד ראָסקיס שרייבט אין אַ גוטן אידיש“ — זאָגט אַפּטער, אָבער זיינע קאָנצעפּציעס זיינען פאַלשע.

דער אידישער וויסנשאַפטלער און מחבר פון דעם בוך, „דער גלויבן פון וועלטליכע אידן“, שאול גוטמאַן, דערקלערט, אַז „ייוואָ“ האָט אפשר נייע ניט געווונטע טענדענצן.

שואל גוטמאַן דערציילט וועגן די ישראל׳דיגע ליטעראַטור־קריטיקער. „מען דאַרף ליקווידירן דעם גלות צוזאַמען מיט אידיש. מען דאַרף, לויט זייער מיינונג, איבערפירן דעם „ייוואָ“ קיין ירושלים, ווייל אין אַמעריקע גייט אַלץ סיי־ווי אונטער“, אַזוי האָט געשריבן דער זשער ערודירטער פּראָפעסאָר בנ״ סדן, דערציילט שאול גוטמאַן.

„די אידישע ליטעראַטור איז אַלעמאָל געווען טענדענציעז“ — האָט געשריבן אַן אַנדער ישראל׳דיגער ליטעראַטור־קריטיקער, חנא שמערוק.

„זיי לאָזן ניט צו אין „ייוואָ“ קיין לעבעדיגע אידישע שרייבער“—האָט געזאָגט שאול גוטמאַן, ווייל די שרייבער וואָלטן געענדערט דעם „ייוואָ“־גורל. ווען עס גייט אין דעם, ווער מען צו נעמען, אַז אינטעלעקטואַל, אָדער אַ ביזנעסמאַן, נעמען זיי אַ ביזנעסמאַן, ניט קיין שרייבער“, האָט געזאָגט גוטמאַן.

ברייט און איטהאַלטסרייך רעדט וועגן די פּראָבלעמען אַרום „ייוואָ“ אברהם שולמאַן.

„זיי“ זיינען ביטערע שונאים פון אידיש, ס׳איז אַ צער און אַ פאַרדרוס. ס׳אַרבעטן אין „ייוואָ“ דאָס רוב מענטשן פון דער בונדיסטישער סביבה. עס אַרבעטן דאָרטן אויך אַ סך פרויען — דאָס איז גוט, אָבער די פרויען פּאַסן זיך מער אויף אַרבעט אין אַ קינדער־גאָרטען“ — זאָגט אברהם שולמאַן.

„דער דירעקטאָר פון „ייוואָ“, משה לויב, האָט איינגעלאַדען דעם פּ.ע.ן. אויף אַ דיסקוסיע, וואָס האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן.

ש. ל. שניידערמאַן

„אין איוואָ הערשט אַ חרום אויף אידישע שרייבער“—זאָגט אברהם שולמאַן. „פון די אַמאָליגע גוטע ציטען איז געבליבן נאָר די ביבליאָטעק אין איוואָ, מיט וועלכער עס פירט אָן דינאַ אַבראַמאָוויטש. מען קען נישט איינשטימען מיט די ליטעראַטור פאָרשער פון ישראל, אַז נאָר ישראל איז דער צענטער פון אידיש“, זאָגט אברהם שולמאַן.

„עס זיינען דאָ אַ סך צענטערן פון אידישער ליטעראַטור־קריטיק. אַ וויכטיגער צענטער פון ליטעראַטור ־ קריטיק איז דער ראַטן־פאַרבאַנד“ — זאָגט אַ. שולמאַן. אַזאַ טיפער קריטיקער ווי הערש רעמעניק האָט געצייגט אַ נייעם אימאַזש פון שלום עליכמ׳ען. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ סך אָפּהאַנדלונגען וועגן סאָוועטישע אידישע שרייבער און דיכטער. מען קען אויך ניט דורכלאָזן דעם באַרימטען קריטיקער ישראל סערעבריאַני, וואָס האָט אָנגעשריבן וואונדערליכע אַרבעטן, טראָץ דער צענזור און די שווערע באַדינגונגען, וואָס הערשען אין רוסלאַנד.

„דוד ראָסקיס איז אַ יונגער מענטש“, דערציילט שולמאַן. ראָסקיס האָט שטודירט אין קעימברידזש. ער איז איינער פון די רעוואָלטירענדיגע סטודענטן פון 60ער יאָרן. ראָסקיס שרייבט וועגן זיך, אַז די סטודענטן האָבן געהיט שבת, אָבער זיינען געווען פאַר פרייען סעקס. אַ סך פון יענע סטודענטן זיינען געוואָרן „גורוס“ אין אינדיע, אָבער ראָסקיס איז געוואָרן אַ פרומער איד“.

„מיר האָבן ניט אָנגעהויבן קיין קריגי־צוג קעגן „ייוואָ“— זאָגט שניידערמאַן, „מיר ווילן באמת העלפן און איסבעסערן די איצטיקע לאַגע אַרום „ייוואָ“. נאָך די הויפּט־רעדנערס נעמט דאָס וואָרט דער נאַצי־געליטענער הענריק בורשטיין: „דער „ייוואָ“ האָט זיך פאַמבלירט“ — זאָגט הענריק בורשטיין קורץ און שאַרף, פון די צענדליגער מיליאָנען דאָלאַר, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן איפּן חשבון פון די פאַרניכטעטע 6 מיליאָן אידן. דער „ייוואָ“ נוצט אויס דאָס געלט צו פאַרניכטעני אידישקייט“.

אַבער בערל קאַן פון „אידישן ווערטערבוך“ קריטיקירט שאַרף די רעדנערס פון פּ.ע.ן. קלוב: „כדי צו קריטיקירן יענעם דאַרף מען אַליין זיין קאָמפּעטענט“ — זאָגט בערל קאַן. „עס האָבן געדאַרפט זיין ניט נאָר נעגאַטיווע, נאָר אויך פּאָזיטיווע רעדעס.“

„קיינער לאָזט הייגט ניט צו קיין שרייבערס און דאַרף זיי ניט“ — שרייט עמעצער פון זאַל. „ניט די „צוקונפט“, ניט די אַנדערע, פאַרוואָס פאָדערט איר פון „ייוואָ“, פאָדערט פון זיך.“

חבר מינסקער באַגריסט דעם פּ.ע.ן. פאַר זיין איניציאַטיוו. חבר מינסקער קריטיקירט דעם „ייוואָ“ ־ מיטאַרבעטער פּראָפ. שעכטער, ער זאָגט: „דר. שעכטער שאַפט לעכערלעכע, קינסטלעכע ווערק“.

„מען האָט געשאַפן אַ קאַרטאָטעק מיט לאַטיינישע ווערטער און אויפגעפירט דעם „ייוואָ“־ווערטערבוך קיין ישראל“ — זאָגט בערל קאַן.

חבר קאָוואַלסקי פון „בני אידיש“ קלאָגט, וואָס דער „ייוואָ“ האָט לעצטנס אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיגט דעם חורבן. זיי האָבן אויך ניט קיין קאָנטאַקט מיט קיין צייטונגען און זשורנאַלן.

„אַז מען שאַקלט שמועס, פאַרשפּריט זיך אַ געשטאַנק“ — האָט געזאָגט דר. זיסקין פון אידישן ווערטערבוך. איך האָב אַ סך טענות קעגן „ייוואָ“, אָבער די צייטען זיינען איצט אַנדערש, און די מענטשן זיינען אַנדערע. דער „ייוואָ“ האָט פון האַלבע אידן און פון פערטל אידן צוריק געמאַכט אידן, ער האָט זיי געבראַכט צו אידישקייט, און דאָס איז זייער פאַרדינסט“ — האָט געזאָגט דר. זיסקין. דער 4טער באַנד פון אידישען ווערטערבוך וועט בקרוב דערשיינען. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט געשפּענדט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער אויפ׳ן אידישן ווערטערבוך, אָבער עמעצער האָט געמסר׳ט, אַז דאָס געלט איז געוואָרן צעטרענצלט.

„מיר האָבן געאַרבעט אומזיסט, אַ שכר, די אַנדערע האָבן באַקומען אַ הונגער־לוין, און איצט אַרבעטן זיי ניט“ — זאָגט דר. זיסקין. ער רעדט וועגן אַ „בלבול“ און וועגן אַ „מסירה“. דר. זיסקין רעגט זיך שטאַרק אויף. ער איז אַ איד מיט אַ יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ, וואָס היט תורה און מצוות.

צום מיקראָפאָן גייט־צו אַ אידיש־ליבהאָבער חבר עפּל. ער רעדט וועגן זיין קינדהייט און וועגן דעם, אַז אויף אַ בר־מצוה אין ניו יאָרק זיינען געקומען ניט נאָר מענטשן, נאָר אויך הינט. ער האָט אויך דערציילט, אַז אין אַמעריקע זיינען דאָ אַנדערהאַלבען מיליאָן געמישטע חתונות... דער עולם און דער פאָרזיצער פּראָטעסטירע, ווייל חבר עפּל רעדט אינגאַנצן ניט אויף דער טעמע — עס האָט ניט קיין שייכות צום ענין, צו דעם „ייוואָ“.

אין דעם מאָמענט האָט די מעטאַלענע האַרץ פון מיקראָפאָן ניט איסגעהאַלטען; עס האָט געפּלאַצט...